בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' פ' חקת | כ"ד סיון | תשע"א | פסחים: ס"ח:

# באריכט:

פארגאנגענעם ערש"ק העעל"ט בעת דער רבי שליט"א איז אנגעקומען קיין וויליאמסבורג איז דער רבי שליט"א געגאנגען צו די בנין פון די מקוה טהרה החדש ווי דער רבי שליט"א האט אינאיינעם מיט בנו הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א באזוכט דעם הערליכען אויג פארכאפענדען בנין וואס גייט אצינד אריין אין די לעצטע שטאפלען פון די בוי ארבייט בשטומ"צ.

א שיינער שב"ק איז געפראוועט געווארען בצל הקודש אין וויליאמסבורג. דער רבי שליט"א האט – ווי געמאלדן בעפאר שבת – געפראוועט שלחנו הטהור ליל שב"ק באלד נאכ'ן גוט שבת זאגן מיט די תלמידי ישיבה"ק באר התורה ד'סאטמאר.

מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ ר' פישל בראך שליט"א מ'נאנאש, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' הערשל אשכנזי שליט"א מנהל דישיבה באר התורה.

די תוכן דברות קודש פון די תורה וועט אי"ה נאכפאלגן.

מיט קה רבון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' קלמן יושע באבאד שליט"א, מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ ר' מענדל טייטלבוים שליט"א מ'טשענסקאוויץ. מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען בנו הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א, עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק ר' יחיאל מיכל מ'קורימא זי"ע, מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יעקב אלימלך פאנעט שליט"א ר"מ בישיבת קרן התורה.

שב"ק בייטאג נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' בערל ב"ר יעקב הערש היימאן הי"ו.

א גרויסער ציבור האט זיך באטייליגט ביי די שיעור פרקי אבות פון מרן רבינו שליט"א אום שב"ק נאכמיטאג ביהמ"ד הגדול, ווי דער רבי שליט"א האט געזאגט עטליכע הערליכע פשטים און אופנים אויף די משנה פון "חביבין ישראל שנקראו בנים למקום, - חביבין ישראל שנתן להם כלי חמדה".

דאן האט דער רבי שליט"א משולב מיט א טייטש אויף די וואכעדיגע סדרה מעורר געווען בענין גיין מיט די ציצית אינדרויסן, און משמיע געווען דברי הדרכה אין חיזוק לימי הקיץ הבעל"ט.

מוצאי שב"ק האט דער רבי שליט"א אפגעשטאהט א ביקור גומלין ביי הגאון רבי מיכל זילבער שליט"א פון ירושלים עיה"ק בבית האכסניא אין שטוב פון הר"ר מרדכי זאב האלבערשטאם שליט"א בן האדמו"ר מ'צאנז גריבוב שליט"א, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א לענגערע תורה'דיגע שמועס.

היינט – זונטאג אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבת קרן התורה. בעפאר שחרית איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל פעלבערבוים הי"ו.

דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן הר"ר מיכל ניימאן שליט"א ר"מ בישיבת היכל התורה, הב' בן הרבני הנגיד מוה"ר שמואל יונה שלעזינגער הי"ו פון בארא פארק, הב' בן מוהר"ר יחזקאל פישער הי"ו פון ב"פ, און הב' בן מוה"ר משה דוד אבערלאנדער הי"ו פון וויליאמסבורג.

נאכ'ן דאווענען איז געפראוועט געווארן א מסיבת לחיים ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש פאר די תלמידי הישיבה.

## חומש סעודה
## לילדי כיתה א' – בארא פארק

ארום 1:00 אזייגער מיטאג האט דער רבי שליט"א פארלאזט וויליאמסבורג אויפן וועג קיין בארא פארק ווי דער רבי שליט"א האט קודם מבקר חולה געווען הרבני הנגיד הרה"ח ר' שלמה חיים הייזלער הי"ו, און דאן איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול דקהלתינו הק' אין בארא פארק צו די גרויסארטיגע חומש סעודה פאר די הונדערטער ילדי תשב"ר תלמידי כיתה א' ד'מוסדותינו הק'.

צום ערשט האט הר"ר יוסף בנימין שטערן שליט"א מנהל רוחני מקדם געווען ברכה דעם רבי'ן שליט"א, דערנאך האט דער לאנגיעריגער מלמד מומחה הר"ר יודא יעקב ווערצבערגער שליט"א ראש המשוררים בחצרות קדשינו אנגעפירט הערליכע ניגני רגש לכבוד המעמד מיט די חשובע קינדערליך שיחיו.

ביים מעמד האט זיך דערקענט די השתתפות פון חשובע אדמורי"ם ורבנים שליט"א זיידע'ס און עלטער זיידע'ס פון די תלמידים חתני המעמד ני"ו.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' אהרן וועלץ הי"ו מנהל כללי מוסדותינו הק' וועלכער האט אין קורצע ווערטער ארויסגעברענגט די גרויסע זכי' פון אט די געלעגנהייט וואס די זיידע'ס און עלטער זיידע'ס פון אט די קינדערליך האבן די זכי' מיט צו לעבן.

דאן האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש לכבוד'ן מעמד, און דערנאך האבן די אלע חתני המעמד - תלמידי כיתה א' געהאט די זכי' דורכצוגיין ביי מן רבינו שליט"א כבני מרון ווי דער רבי שליט"א האט זיי געגעבן א מתנה א שיינער סידור.

נאכדעם האט דער רבי שליט"א געוואונטשן לחיים און מאציל געווען ברכת קדשו פאר אלע חשוב'ע עלטער זיידע'ס, זיידע'ס, טאטע'ס און קינדער און לכל הנאספים.

נאכ'ן מעמד האט דער רבי שליט"א באזוכט ביים נייעם בנין שע"י בית מדרשינו הגדול וואס ווערט אצינד געבויעט און וועט דינען אלס הוספה צום – שוין – ביז יעצטיגען מקום האדיר לתורה ולתפילה, ווי דער רבי שליט"א האט געהערט א דעטאלינדער באריכט איבער די אנגייענדע בוי ארבייט און ווייטעריגע פלענער פונעם פראיעקט פון די הנהלת הקהלה און חשובע עסקנים שיחיו.

פון דארט איז דער רבי שליט"א געגאנגען אפגעבן א מזל טוב פאר הגה"צ ר' יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א רב דק' ראשי חכמה אין מאנטריאל, לרגל די חתונה פון אן אייניקל, בבית בנו הרה"ג שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה ועובדות וספורי צדיקים, דערנאך האט דער רבי שליט"א אנגעוואונשטן פאר די מחותנים און חתן שליט"א.

## סיום משניות ועלי' לציון למלאות י"ב חודש לפטירת הרבנית הצדיקת ע"ה

ארום 6:00 אזייגער נאכמיטאג איז דער רבי שליט"א ערשינען אין היכל ישיבה גדולה – שיעור א' אין קרית יואל ווי דער רבי שליט"א האט געדאווענט מנחה מיט די בחורים און דאן איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים וסיום ששה סדרי משנה לרגל מלאות י"ב חודש לפטירת אמו הרבנית הצדיקת ע"ה – וועלכע עס איז אויסגעפאלן דעם פארגאנגענעם שב"ק העעל"ט.

נאך די דברות קודש איז דער רבי שליט"א אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה ארויף צום אוהל הקדוש ווי דער רבי שליט"א האט געזאגט תהלים און געלערנט משניות אויפן ציון פון די מאמע די רעביצין ע"ה.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**